**VACCINE INFORMATION STATEMENT**

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

# סמאָלפּאָקס/מאַנקיפּאָקס וואַקסין (JYNNEOS™): וואס איר דארפט וויסן

## 1. פארוואס צו וואקסינירט ווערן?

**דער סמאָלפּאקס/מאנקיפּאקס וואקסין** (JYNNEOS™) קען העלפן באשיצן קעגן סמאָלפּאקס, מאנקיפּאקס, און אנדערע קראנקהייטן וועלכע ווערן פאראורזאכט דורך ווירוסן פון די אָרטאָאָפּאקסווירוסן, אריינרעכענענדיג דעם וואקסיניע ווירוס.

סמאָלפּאקס איז גאר אן ערנסטע קראנקהייט וואס ווערט פאראורזאכט דורך דעם וואריאָולע ווירוס. טייל מענטשן זעצן פאר צו זיין אין סכנה פון זיין אויסגעשטעלט צו דעם ווירוס וואס פאראורזאכט סמאָלפּאקס, אריינרעכענענדיג מענטשן וועלכע ארבעטן אין עמערדזשענסי גרייטקייט שטעלעס און טייל לאבארעטאריע ארבייטער. דער ווירוס קען זיך פארשפרייטן פון איין מענטש צום אנדערן, פאראורזאכנדיג סימפטאמען וועלכע רעכענען אריין א פיבער און אן אויסשלאג אויף די הויט. פילע מענטשן וועלכע האבן געהאט סמאָלפּאקס אין די פארגאנגענהייט האבן זיך ערהוילט, אבער ארום 3 פון יעדע 10 מענטשן מיט די קראנקהייט זענען געשטארבן.

מאנקיפּאקס איז א זעלטענע קראנקהייט מיט סימפטאמען וועלכע זענען ענליך צו- אבער מילדער פון די סימפטאמען פון סמאָלפּאקס. פונדעסטוועגן, קען מאנקיפּאקס נאכאלץ זיין טויטליך. מאנקיפּאקס איז אן אינפעקציע וואס פארשפרייט זיך צומאל אין אפריקע און אויסברוכן פון פעלער פון מאנקיפּאקס געשעהן אפט אין אנדערע לענדער ווען עס ווערט אריבערגעברענגט דארט, אריינרעכענענדיג די פאראייניגטע שטאטן.

דער וואקסיניע ווירוס קען פאראורזאכן קראנקהייט ווען מענטשן ווערן אויסגעשטעלט צו אינפעקטירטע מענטשן (צום ביישפיל זיין אויסגעשטעלט צו איינעם וואס איז לעצטנס וואקסינירט געווארן מיט ACAM2000®, אן אנדערע סארט סמאָלפּאקס וואקסין) אדער צו חיות. מענטשן וועלכע ארבעטן מיט דעם וואקסיניע ווירוס אין לאבארעטאריעס קענען בטעות אויסגעשטעלט ווערן צום ווירוס, און אויב זיי ווערן אינפעקטירט, קענען זיי קראנק ווערן. פונדעסטוועגן, רוב וואקסיניע ווירוס אינפעקציעס היילן זיך אליין אויס אן באהאנדלונג.

בדי צו ערלויבן מעדיקאל קעיר פארזארגער צו האָבן געניויע אימוניזאציע סטאטוס אינפארמאציע,וויאויך צו מאכן אן אימוניזאציע אפשאצונג און א רעקאמענדירטע שעדיול פאר צוקונפטיגע אימוניזאציעס, וועט אינפארמאציע געשיקט ווערן צו מישיגאן סטעיט קעיר אימפּרוואוומענט רעדזשיסטרי. יחידים האבן די רעכט צו פארלאנגען אז זייערע מעדיקאל קעיר פארזארגער זאל נישט שיקן אימוניזאציע אינפארמאציע צו די רעדזשיסטרי.

## 2. סמאָלפּאקס/מאנקיפּאקס וואקסין (JYNNEOS™)

דער סמאָלפּאקס/מאנקיפּאקס וואקסין (JYNNEOS™) ווערט פראדוצירט נוצנדיג אפגעשוואכטע לעבעדיגע וואקסיניע ווירוסן און עס קען נישט פאראורזאכן סמאָלפּאקס, מאנקיפּאקס, אדער סיי וועלכע אנדערע אנשטעקיגע קראנקהייט.

JYNNEOS™ איז באשטעטיגט דורך די Food and Drug Administration (FDA) (עסן און דראג אדמיניסטראציע) צו פארמיידן סמאָלפּאקס און מאנקיפּאקס קראנקהייט ביי **ערוואקסענע פון 18 יאר און עלטער וועלכע זענען אין א העכערע סכנה פון סמאָלפּאקס אדער מאנקיפּאקס אינפעקציע.**

- די CDC רעקאמענדירט דעם JYNNEOS™ וואקסין פאר געוויסע לאבארעטאריע ארבייטער און עמערדזשענסי מאנשאפט מיטגלידער וועלכע קענען מעגליך אויסגעשטעלט ווערן צו די ווירוסן וועלכע פאראורזאכן אינפעקציעס פון די אָרטאָאָפּאקסווירוסן.
- די CDC רעקאמענדירט אז דער וואקסין זאל גענומען ווערן אין באטראכט צו געגעבן ווערן פאר מענטשן וועלכע גיבן דעם ACAM2000® וואקסין פאר פאציענטן, אדער פאר אזעלכע וועלכע גיבן קעיר פאר פאציענטן וועלכע זענען אינפעקטירט מיט ארטאָאָפּאקסווירוסן.

דער JYNNEOS™ וואקסין ווערט געווענטליך געגעבן אלץ א סעריע פון 2 איינשפריצונגען, 4 וואכן אפגערוקט איינער פונעם אנדערן. מענטשן וועלכע האבן באקומען דעם סמאָלפּאקס וואקסין אין די פארגאנגענהייט וועלן מעגליך דארפן נאר 1 דאזע.

בוסטער דאזעס זענען רעקאמענדירט יעדע 2 אדער 10 יאר אויב א מענטש בלייבט אין אן אנגייענדע סכנה צו אויסגעשטעלט ווערן צו סמאָלפּאקס, מאנקיפּאקס, אדער אנדערע ארטאָאָפּאקסווירוסן. אייער דאקטאר קען אייך גיבן מער אינפארמאציע.

## 3. רעדט מיט אייער דאקטאר

זאגט פאר דער וואס גיבט דעם וואקסין אויב דער מענטש וואס באקומט דעם וואקסין:

- האט געהאט אן **אלערגישע רעאקציע נאך א פריערדיגע דאזע פונעם סמאָלפּאקס וואקסין**, אדער האט סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-סכנות'דיגע אלערגיעס**
- האט אן **אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם**
- איז טראגעדיג אדער טראכט אז זיי זענען מעגליך **טראגעדיג** אדער **נויירסט א בעיבי**

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

אין טייל פעלער, קען אייער דאקטאר מעגליך באשליסן צו אפשטופן א רוטינע (פארן זיין אויסגעשטעלט) סמאָלפּאקס/מאנקיפּאקס וואקסינאציע מיט JYNNEOS™ ביז א צוקונפטיגע באזוך.

מענטשן וואס פילן זיך מילד נישט גוט, ווי צום ביישפיל א פארקילעכץ, קענען וואקסינירט ווערן. מענטשן וועלכע זענען מיטלמעסיג אדער ערנסט קראנק זאלן געווענטליך ווארטן ביז זיי ערהוילן זיך בעפארן באקומען א רוטינע (פארן זיין אויסגעשטעלט) דאזע פון דעם JYNNEOS™ וואקסין. **אויב עס איז רעקאמענדירט געווארן פאר אייך צו באקומען דעם JYNNEOS™ וואקסין צוליבן זיין אויסגעשטעלט צו דעם מאנקיפּאקס ווירוס, זאלט איר וואקסינירט ווערן אפגעזעהן פון אויב אין דעם צייט האט איר אנדערע קראנקהייטן, זענט טראגעדיג, נויערסט א בעיבי, אדער האט אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם.**

דער JYNNEOS™ וואקסין קען געווענטליך געגעבן ווערן אין זיך רעכענען מיט די צייטן ווען אנדערע וואקסינען ווערן געגעבן. פונדעסטוועגן, געוויסע מענטשן וועלכע האבן גרעסערע אויסזיכטן פון א געזונטהייט צושטאנד וואס ווערט גערופן מייאָקארדייטיס (אויפגעשוואלענע הארץ מוסקל), אריינרעכענענדיג עלטערע יונגלעך אדער יונגע ערוואקסענע מענער, ווילן מעגליך נעמען אין באטראכט צו ווארטן 4 וואכן נאכן באקומען דעם JYNNEOS™ וואקסין בעפארן באקומען געוויסע COVID-19 וואקסינען. **אויב עס איז רעקאמענדירט געווארן פאר אייך צו באקומען דעם JYNNEOS™ וואקסין צוליבן האבן געווען אויסגעשטעלט צו דעם מאנקיפּאקס ווירוס, זאלט איר וואקסינירט ווערן אפילו אויב איר האט לעצטנס באקומען א COVID-19 וואקסין.**

## 4. סכנות פון א רעאקציע צום וואקסין

- רויטלעכקייט, ווייטאג, געשווילעכץ, און קראצן דארט וואו די איינשפריץ איז געגעבן געווארן זענען די אפטסטע זאכן וואס געשעהן נאכן באקומען דעם JYNNEOS™ וואקסין.
- פילן אויסגעמוטשעט (מידקייט), קאפּווי, און ווייטאגן אין די מוסקלען קענען אויך צומאל געשעהן נאכן באקומען דעם JYNNEOS™ וואקסין.

מענטשן חלש'ן צומאל נאך מעדיצינישע פראצעדורן, אריינרעכענענדיג וואקסינאציע. זאגט פאר אייער דאקטאר אויב איר באקומט א שווינדל אדער אויב אייער זעהן טוישט זיך אדער אויב איר הערט קלינגען אין די אויערן.

אזוי ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, זענען דא גאר קליינע אויסזיכטן אז א וואקסין זאל פאראורזאכן א שווערע אלערגישע רעאקציע, אן אנדערע ערנסטע שעדיגונג, אדער טויט.

איר קענט זיך איינשרייבן אין V-safe נאכן באקומען סיי וועלכע דאזע פון דעם JYNNEOS™ וואקסין דורכן נוצן אייער סמארטפאָן און גיין צו vsafe.cdc.gov. V-safe איז א זיכערהייט נאכפאלגונג סיסטעם וואס לאזט אייך מיטיילן מיט די CDC וויאזוי איר, אדער אנדערע אויף וועם איר זענט פאראנטווארטליך, פילן נאכן באקומען א JYNNEOS™ וואקסין. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.cdc.gov/vsafe.

## 5. וואס אויב עס געשעהט אן ערנסטן פראבלעם?

אן אלערגישע רעאקציע קען פארקומען נאכדעם וואס דער מענטש וואס האט באקומען דעם וואקסין פארלאזט די קליניק. אויב איר זעהט סימנים פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע (אויסשלאגן, אן אויפגעשוואלענע פנים און האלז, שוועריגקייט צו אטעמען, א שנעלע הארץ קלאפּ, א שווינדל אדער שוואכקייט), רופט **9-1-1** און נעמט דעם מענטש צו די נאענטסטע שפיטאל.

פאר אנדערע סימנים וואס באזארגן אייך רופט אייער דאקטאר.

אומגעוואונטשענע רעאקציעס זאלן באריכטעט ווערן צו דעם Vaccine Adverse Event Reporting System (VAERS) (וואקסין אומגעוואונטשענע אינצידענטן באריכטונג סיסטעם). אייער דאקטאר וועט געווענטליך זיין דער וואס וועט אריינגעבן דעם באריכט, אדער קענט איר דאס אליין טוהן. באזוכט די VAERS וועבזייטל אויף www.vaers.hhs.gov אדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז געווידמעט נאר צו באריכטן רעאקציעס, און VAERS שטאב מיטגלידער גיבן נישט קיינע מעדיצינישע עצות.*

## 6. שוץ מאסנאמען שאדן פארגוטיגונג פראגראם

דער Countermeasures Injury Compensation Program (שוץ מאסנאמען שאדן פארגוטיגונג פראגראם) איז א פעדעראלע פראגראם וואס קען העלפן באצאלן פאר קאסטן פון מעדיצינישע קעיר און אנדערע ספעציפישע אויסגאבן פון געוויסע מענטשן וועלכע האבן געליטן פון ערנסטע שאדן צוליב געוויסע מעדיצינען אדער וואקסינען. אויב איר זענט געשעדיגט געווארן פון דעם סמאָלפּאקס/מאנקיפּאקס וואקסין, קענט איר לערנען מער איבער דעם פראגראם דורכן באזוכן דעם פראגראם'ס וועבזייטל אויף www.hrsa.gov/cicp, אדער דורכן רופן **1-855-266-2427 (855-266-CICP)**.

## 7. וויאזוי קען איך געוואויר ווערן מער?

- פרעגט אייער דאקטאר.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטעיט העלט דעפּארטמענט.
- באזוכט די וועבזייטל פון די Food and Drug Administration (FDA) (עסן און דראג אדמיניסטראציע) פאר די אינפארמאציע צעטלעך וואס קומען מיט די וואקסין פעקלעך און פאר נאך אינפארמאציע אויף www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines.
- פארבינדט אייך מיט די Centers for Disease Control and Prevention (CDC) (צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אדער
  - באזוכט די CDC'ס וועבזייטל אויף www.cdc.gov/poxvirus/monkeypox.